יצחק באַשעוויס-זינגער

# די נאָדל

מייַנע גוטע מענטשן, הייַנט פֿירט אויס אַלע שידוכים ליבעלע די שדכנטע. מ׳פֿאַרליבט זיך און מ׳הויבט זיך אָן אַרומפֿירן. מ׳פֿירט זיך אַזוי לאַנג ביז מ׳קריגט זיך פֿייַנט. אין מייַנע צייַטן האָט מען זיך פֿאַרלאָזט אויף טאַטע-מאַמע. איך אַליין האָב נישט געזען מייַן טאָדיען ביז צום באַדעקנס. מ׳האָט מיר אַראָפּגענומען דעם שלייַער פֿון פּנים און כ׳האָב אים דערזען מיט דער רויטער באָרד און די צעשויבערטע פּאות. ס׳איז געווען נאָך שבֿועות און ער האָט געטראָגן אַ פֿוטער ווי אין ווינטער. אַז כ׳האָב נישט אַוועקגעחלשט, איז נסים פֿון הימל. כ׳האָב אָפּגעפֿאַסט אַ לאַנגן זומער-טאָג. נו, ווער מיר גוטס גינט, זאָל נישט האָבן קיין ערגער לעבן ווי איך האָב געהאַט מיט מייַן מאַן. אַ מליץ-יושר זאָל ער זייַן. מ׳טאָר עס נישט זאָגן. נאָר כ׳קען מיך קוים דערוואַרטן ווען מיר וועלן ווייַטער זייַן באַנאַנד.

יאָ, ליבע-שמיבע. וואָס ווייסט אַ יונג מיידל אָדער אַ יונג בחורל וואָס ס׳איז גוט פֿאַר זיי? מאַמעס האָבן געהאַט זייערע סימנים. ס׳איז געווען בייַ אונדז אין קראַסנאָסטאָוו אַ ייִדענע, רייצע לאה, און ווען זי האָט געוואָלט אָנקוקן פֿאַר איר זון אַ כּלה, פֿלעגט זי אַרייַנפֿאַלן צו די מחותּנים באַלד אין דער פֿרי. אַז ס׳בעטגעוואַנט איז געווען קויטיק און די מויד איז איר אַנטקעגנגעקומען מיט צעקאָדלטע האָר און אַ צעריסענעם שלאָפֿראָק, האָט זי שוין פֿאַרשפּאָרט מיט איר צו רעדן. נאָך אַ צייַט האָט מען זיך דערוווּסט פֿון אירע שטיק אין אַלע שטעטלעך אַרום און אַז מ׳האָט זי דערזען גאַנץ פֿרי אין מאַרק, זענען אַלע מוידן געלאָפֿן פֿאַרקייטלען די טיר. זי האָט געהאַט זעקס זין און אַלע געראָטענע. שידוכים האָט זי גראָד געטאָן מיט זיי קרומע, אָבער דאָס איז אַ באַזונדערער זאַך. אַ מיידל קאָן זייַן ביז דער חתונה ריין און זויבער און שפּעטער ווערן אַ שליאָך. אַלץ הענגט אָפּ אין מזל.

אָבער לאָמיר אײַך בעסער דערציילן אַ מעשׂה. אין הרוביעשוויוו איז געווען אַ גבֿיר, ר׳לעמל וואַגמײַסטער. יענע יאָרן האָט מען קיינעם נישט גערופֿן מיטן צונאָמען, אָבער דער ר׳לעמל איז געווען אַזאַ מאַגנאַט, אַז מ׳האָט אים גערופֿן בײַם בײַנאָמען. דאָס ווײַב זײַנס האָט געהייסן אסתּר רויזע און געשטאַמט האָט זי גאָר פֿון גרויס-פּוילן. זי שטייט מיר פֿאַר די אויגן: אַ שיין מענטש מיט אַ גרויסשטאָטישן געשטעל. איבערן שייטל האָט אַלע מאָל געהאַנגען אַ שוואַרצער שאַל. דאָס פּנים איז געווען ווײַס און גלאַט ווי בײַ אַ מיידל. אויגן האָט זי גראָד געהאַט טונקעלע. גוט גערעדט פּויליש, רוסיש, דײַטש, אפֿשר פֿראַנצויזיש אויך. זי׳ט אין יענע צײַטן געשפּילט פּיִאַנאָ. אין די גרויסע בלאָטעס איז זי אַרויס פֿון שטוב מיט אָפּגעפּוצטע לעטשלעך און הויכע קנאָפּלען. כ׳האָב זי אַ מאָל געזען היפּערן פֿון שטיין צו שטיין ווי עפּעס אַ פֿויגל און מיט ביידע הענט האָט זי אונטערגעהויבן די פּאָלעס – אַ וואָרע פּריטש. געהאַט האָט זי איין זון, אַ בן-יחיד, בן-ציון, און דער בן-ציון איז געווען אַרײַנגעראָטן אין דער מאַמען ווי צוויי טראָפּנס וואַסער. מיר זענען געווען ווײַטע קרובֿים, נישט פֿון איר צד, נאָר פֿון מאַנס צד. דער בן-ציון – בענצע האָבן זיי אים גערופֿן – איז געווען, ווי מ׳זאָגט צו גאָט און צו לײַט: שיין, קלוג, געלערנט. בײַ טאָג האָט ער געלערנט תּורה בײַם רבֿ. בײַ נאַכט איז געקומען צו אים אַ לערער. ער האָט געהאַט שוואַרצע האָר, ווי די מאַמע, און אַ ליכטיק פּנים. אַז ער איז אַרויס זומער אין דעם געהאָקטן קאַפּאָטקעלע מיט אַ שליץ פֿון הינטן, מיט די געמזענע שטיוועלעך, האָבן אַלע מיידלעך אים נאָכגעקוקט פֿון די פֿענצטער.

ס׳פֿירט זיך אַז נדן גיט מען טעכטער, נישט זין, נאָר פֿאַר דעם בענצן האָט מען געהאַט אַוועקגעלייגט אין באַנק צען טויזנט רובל נדן. ס׳איז דען אַ נפֿקא מינה? איבער הונדערט יאָר האָט ס׳גאַנצע פֿאַרמעגן געזאָלט זײַן זײַנס. מ׳האָט אים גערעדט שידוכים מיט די רײַכסטע טעכטער, אָבער די אסתּר רויזע איז געווען אַן איבערקלײַבערין. זי׳ט נישט געהאַט וואָס צו טאָן, זי׳ט געהאַלטן דרײַ דינסטן; ס׳איז דאָרט געווען אַ משרת און אַ סטאַנגרעט אויך, און זי איז אַרומגעלאָפֿן אונקוקן כּלהס. זי׳ט שוין געהאַט אָנגעקוקט די שענסטע מיידלעך פֿון האַלב פּוילן, נאָר אין יעדער האָט זי געפֿונען עפּעס אַ חסרון: די איז נישט שיין גענוג, יענע איז נישט קלוג גענוג. דער עיקר האָט זי געזוכט איידלקייט, ווײַל, זאָגט זי, אַז אַ נקבֿה איז אַ גראָבער פֿליגל, ווערט דער מאַן אויסגעריסן. כ׳וויל נישט, זאָגט זי, עמעץ זאָל אויסלאָזן

די יוכע צו מײַן בענצען. איך בין שוין דעמאָלט געווען אַ ווײַבל, כ'האָב חתונה געהאַט צו פֿופֿצן יאָר. די אסתּר רויזע האָט נישט געהאַט מיט וועמען זיך צו חבֿרן אין הרוביעשויוו, און כ'בין געוואָרן בײַ איר אַן אַרײַנגייערין, זי'ט מיך געלערנט העפֿטן, שטריקן, אויסנייען אויף קאַנווע און וואָס נישט? זי'ט געהאַט אַ פּאָר גאָלדענע הענט. אַז ס'האָט זיך איר פֿאַרגלוסט, האָט זי זיך אַליין אויפֿגענייט אַ יופּע אָדער אַ פּעלערינע. זי'ט מיט אַ מאָל אויך געמאַכט אַ קלייד, און אַלץ מיט אַ גלײַך ווערטל און אַ געלעכטערל אויפֿן גבֿירישן שטייגער. זי איז געווען אַ פֿײַערדיקע סוחרטע אויך. דער מאַן האָט נישט געטאָן קיין טריט איידער ער האָט זיך אָנגעפֿרעגט בײַ איר. אַז זי'ט געהייסן קויפֿן אַ נחלה אָדער פֿאַרקויפֿן, האָט ר'לעמל וואַגמײַסטער גלײַך געשיקט רופֿן ליפּע מעקלער און געזאָגט: מײַן ווײַב וויל פֿאַרקויפֿן אָדער קויפֿן. זי'ט קיין מאָל נישט געמאַכט קיין טעות. נו, אָבער דער בענצע איז שוין אַלט געווען אַכצן יאָר און ער איז נאָך אַלץ נישט געווען קיין חתן. יענע יאָרן האָט דאָס געהייסן אַן אַלטער בחור. ר'לעמל האָט אָנגעהויבן טענהן, אַז ער האָט צוליב זײַן ווײַבס איבערקלײַבערישקייט חרפּות און בֿושות. דער בענצען האָט געקראָגן קרעצלעך אויפֿן שטערן און מ'האָט געזאָגט, אַז ס'איז פֿון דאַרפֿן אַ נקבֿה. יצר-הרע-בלעטערלעך – אַזוי האָט מען דאָס גערופֿן בײַ אונדז.

איין מאָל קום איך אַרײַן צו דער אסתּר רויזען – כ'האָב איר געבראַכט עפּעס אַ קנויל גאַרן – און זי זאָגט צו מיר: זעלדעלע, ווילסט דיך אפֿשר איבערפֿאָרן קאַ' זאַמאָשטש? – וואָס וועל איך טאָן אין זאַמאָשטש? – פֿרעג איך, און זי זאָגט: וואָס איז דײַן באָבעס עסק? פֿאָרסט מיט מיר. וועסט דאָרט פֿאַרהונגערט נישט ווערן. אסתּר רויזע האָט געהאַט איר קאָטש, אָבער זי זאָגט מיר, אַז דאָס מאָל פֿאָרט זי מיט אַ געלעגנהייט. כ'האָב פֿאַרשטאַנען אַז ס'האָט עפּעס צו טאָן מיט אַ שידוך, נאָר אַזאַ טבֿע האָט זי געהאַט, אַז מ'האָט איר נישט געטאָרט פֿרעגן. אויב זי'ט געוואָלט עפּעס דערציילן, האָט זי אַליין דערציילט, און אויב זי שווײַגט מוז מען מיטשווײַגן. קורץ-און-גוט, כ'בין אַוועק אָן זאָגן דער מאַמען. מײַן טאָדיען האָב איך גאָרנישט געדאַרפֿט דערציילן. אַ גאַנצן טאָג איז ער געזעסן אין בית-המדרש. ווען ער איז געקומען אַהיים נאָך מעריבֿ, האָט אים מײַן מאַמע, די שוויגער, דערלאַנגט ס'נאַכטמאָל. יענע יאָרן האָט דען אַ יונגערמאַן אויף קעסט געוווּסט אַז ר'האָט אַ ווײַב? ער וואָלט מיך אסור נישט דערקענט ווען ער טרעפֿט מיך אין גאַס. בקיצור, כ'פּאַק איין אַ קלייד,

פּרעמיסיאָן, אַ פּאָר מײַטקעס און כ'בין גרייט צו דער נסיעה. מיר זיצן אײַן אין עפּעס אַ פּריצישער ברישטקע און דער אָנטרײַבער איז דער פּריץ אַליין. צוויי פֿערד ווי די לייבן. דער וועג איז אַ טרוקענער און גלאַטיק ווי אַ טיש. אין זאַמאָשטש לאָזט מען אונדז אַראָפּ נישט אין מאַרק, נאָר אין עפּעס אַ זײַטיק געסל, ווי ס'ווינען גויים. די אסתּר רויזע זאָגט אים אַ שיינעם דאַנק און ער פּאַכעט צו איר ווילעריש מיט דער בײַטש און נעמט אַראָפּ ס'היטל. די גאַנצע זאַך האָט אויסגעזען עפּעס ווי אַן אָפּגעשמועסט שטיקל.

געווייִנלעך אַז אסתּר רויזע איז ערגעץ געפֿאָרן, האָט זי זיך אויפֿגעפּוצט ווי אַ גראַפֿיניע. אָבער דאָס מאָל איז זי אָנגעטאָן אין אַ קאָרטן קלייד און מיט אַ קאָפּטיכל איבערן שייטל. זי'ט אַפּנים, נישט געוואָלט מ'זאָל זי דערקענען. ס'איז זומער און דער טאָג איז לאַנג.. מיר קומען אַרויס אויפֿן מאַרק און זי פֿרעגט בײַ עמיצן ווּ איז דאָ בעריש לובלינערס געשעפֿט פֿון צעלניק? מ'ווײַזט אונדז אָן אַ גרויס געוועלב. הײַנט אין אַ געוועלב פֿון צעלניק קריגט מען בלויז די סחורות וואָס געהערן צו צעלניק. יענע יאָרן האָט מען אויסגעמישט די סחורות. מ'האָט דאָרט אַלץ געקראָגן: פֿאָדעם, לײַוונט, צודאַטן, אַלערליי וואָלן צום שטריקן און גלאַט שניט-סחורה. וואָס איז דאָרט נישט געווען? אַ געוועלב אַ וואַלד און פֿאַכן ביז צום באַלקן אָנגעשטאָפּט. בײַ אַ שטענדערל זיצט אַ מאַנסביל און שרײַבט אין אַ בוך ווי אין די גרויסע שטעט. כ'ווייס אַליין נישט וואָס ער איז: אַ קאַסירער אָדער אַ בוכהאַלטער. הינטערן לאָדנטיש שטייט אַ מויד מיט אַ פּאָר שוואַרצע אויגן וואָס ברענען ווי פֿײַער. ס'זענען גראָד נישט געווען קאַ' קונים אין געוועלב און מיר זענען גלײַך צוגעגאַנגען צו איר.

וואָס זאָגט עץ גוטס? – פֿרעגט זי. – עץ זענט ניש קאַ' היגע, – נישט קאַ' היגע – ענטפֿערט אסתּר רויזע. –וואָס ווילט עץ קויפֿן? – פֿרעגט די מויד, און אסתּר רויזע זאָגט: אַ נאָדל. אַזוי ווי די מויד האָט דערהערט דאָס וואָרט נאָדל, איז איר ס'פּנים געוואָרן פֿאַרענדערט. די אויגן זענען געוואָרן בייז. זי טוט אַ זאָג: „צוויי ווײַבער נאָך איין נאָדל?“ עפּעס איז אָנגעקומען בײַ די קרעמער אַז אַ נאָדל איז נישט מזלדיק. שבת-צו-נאַכטס, צו דער פֿולער וואָך, אַז מ'קומט נאָך אַ נאָדל, איז דאָס אַ סימן אַז די וואָך וועט זײַן אַ שלים-מזלדיקע. אין מיטן דער וואָך האָבן זיי אויך נישט ליב צו פֿאַרקויפֿן אַ נאָדל. מ'קויפֿט געווייִנלעך אַ קלעצל פֿאָדעם, קנעפּלעך, און די נאָדל קריגט מען פֿאַר אַ צולאָג, אָדער מ'נעמט

אַ גאַנץ טעווּעלע נאָדלען. איין נאָדל האָט געקאָסט אַ האַלבע פּרוטה און ס'איז שווער געווען צו געבן אַ רעשט. – יאָ, כ'דאַרף נישט מער ווי איין נאָדל – זאָגט אסתּר רויזע. יענע פֿאַרקרומט זיך און נעמט אַרויס אַ שאַכטל מיט נאָדלען. אסתּר רויזע נעמט קלײַבן און נישטערן. זי טוט אַ זאָג: האָסט אפֿשר אַנדערע נאָדלען? – וואָס טויגן נישט די נאָדלען? – פֿרעגט די מויד, און אסתּר רויזע זאָגט: – זיי האָבן צו קליינע לעכלעך. ס'וועט מיר שווער זײַן אײַנצופֿעדעמען. די מויד טוט אַ זאָג: – אַלע נאָדלען האָבן בײַ מיר די אייגענע לעכלעך. אויב איר זעט נישט, קויפֿט אײַך אַ פּאָר ברילן. די אסתּר רויזע טענהט: לאָז מיך געבן אַ קוק. אפֿשר וועל איך געפֿינען אַ נאָדל מיט אַ גרעסער לעכל. יענע שלעפּט אַרויס אַ שאַכטל און שטעלט עס נישט אַוועק, נאָר גיט עס עפּעס אַ שלײַדער. די אסתּר רויזע נעמט אַרויס נאָך אַ פּאָר נאָדלען און זי זאָגט: זיי האָבן אַלע קליינע לעכלעך. די מויד טוט אַ כאַפּ דאָס שאַכטל און שרײַט: פֿאָרט אַוועק אין דער פֿאַבריק און באַשטעלט אַ נאָדל מיט אַ גרויס לאָך. דער מאַנסביל בײַם שטענדערל הייבט אָן לאַכן. די מויד טוט אַ פֿרעג: פֿון וואַנען זענט עך, פֿון כעלם? און אסתּר רויזע זאָגט: יאָ פֿון כעלם. – כ'האָב באַלד דערקענט – ענטפֿערט די מויד. זי פֿאַלט אַרײַן עפּעס אין אַ צאָרן און זאָגט: אַ חוצפּה און אַ העזה וואָס איז יענעם צו דרייען אַ היטל צוליב אַ האַלבע פּרוטה. וואָס איז? כעלם איז געבליבן אָן נאָדלען? דער מאַנסביל בײַם שטענדערל טוט אַ פֿרעג: – אפֿשר דאַרפֿט עך אַ זאַקנאָדל? מיר האָבן דאָס אויך, און אסתּר רויזע ענטפֿערט: – כ'האָב פֿײַנט זעק און מענטשן וואָס זענען גראָב ווי די זעק. זי טוט אַ זאָג צו מיר: קום, זעלדע, זיי זענען נישט פֿאַר אונדז. די מויד טוט אַ רוף: כעלמער נאַראָנים. האָטץ אַ גוטן שליטוועגס..

מיר קומען אַרויס אין דרויסן און ס'איז מיר עפּעס איבער דער טבֿע. ס'גייט פֿאַרבײַ אַ ייִדענע און אסתּר רויזע פֿרעגט זי: ווּ איז דאָס צעלניק-געוועלב פֿון ר'זעליג איזשביצער? – אָט-דאָ אַקעגן, ווײַזט יענע. מיר שפּאַנען אַריבער דעם מאַרק און מיר קומען אַרײַן אין אַ געוועלב אַ דריטל פֿון ערשטן. דאָ שטייט אַ מיידל, נישט קיין שוואַרצע, נאָר מיט רויטע האָר. זי איז נישט קיין מיאוסע, אָבער זי האָט זומערשפּרענקעלעך אויפֿן פּנים.. די אויגן זענען גרין ווי אַגרעס. די אסתּר רויזע פֿרעגט: – מ'קען דאָ קריגן אַ נאָדל? דאָס מיידעלע ענטפֿערט: פֿאַר וואָס נישט? מ'קען דאָ אַלץ קריגן. אסתּר רויזע זאָגט: כ'זוך אַ נאָדל מיט אַ ביסל אַ גרעסער לעכל, ווײַל ס'קומט מיר אָן שווער אײַנצופֿעדעמען. דאָס

מיידל זאָגט: איכ׳ל אײַך אַרויסנעמען אַלע נאָדלען און קלײַבט אויס וואָס איר ווילט.

כ׳האָב פֿאַרשטאַנען וואָס דאָ טוט זיך און ס׳האַרץ נעמט מיר קלאַפּן ווי בײַ אַ גזלן. דאָס מיידל נעמט אַרויס אפֿשר צען שאַכטלעך נאָדלען. זי טוט אַ זאָג: צו וואָס זאָלט עך שטיין? אָט איז אַ שטול, זעצט אײַך. זי רוקט מיר אויך צו אַ בענקל. איך זע שוין אַז אסתּר רויזע פּרוּווט זי אויס. זי זאָגט: עפּעס זענען די נאָדלען בײַ דיר צונויפֿגעמישט; יעדע סאָרט דאַרף זײַן באַזונדער. און יענע ענטפֿערט: ווען זיי קומען פֿון דער פֿאַבריק זענען זיי סאָרטירט, אָבער די קונים צעמישן. כ׳זע שוין אַז אסתּר רויזע זוכט נאָר געלעגנהייטן זי צו דערבייזערן. זי זאָגט: כ׳זע דאָ נישט, ס׳איז צו טונקל, און דאָס מיידל ענטפֿערט: וואַרט, איכ׳ל צושטעלן די שטול צו דער טיר, דאָרט איז ליכטיקער. – לוינט דיר דאָס אַלץ צוליב אַ נאָדל פֿאַר אַ האַלבער פּרוטה? – פֿרעגט אסתּר רויזע, און דאָס מיידל זאָגט: פֿאַר אַ האַלבער פּרוטה קריגט מען בײַ מיר צוויי נאָדלען, נישט איינע, דאָס איז ערשטנס; צווייטנס, מײַן טאַטע זאָגט: דין פּרוטה כדין מאה. דער טײַטש דערפֿון איז: דער דין פֿון אַ פּרוטה איז ווי הונדערט גילדוינים. הײַנט פֿאַרלאַנגט דער קונה אַ נאָדל, מאָרגן קאָן ער קומען קויפֿן וואָלנס אויף אַן אויסשטײַער. – ווי-זשע קומט עס וואָס ס׳געווען איז לײדיק? – פֿרעגט אסתּר רויזע. – אַ קעגניבער בײַ בעריש לובלינער, איז אַן ענגשאַפּט אַז מ׳קען קיין שפּילקע נישט אַרײַנשטעקן. זי זאָגט ווײַטער: דאָרט האָב איך געקויפֿט די לײַוונט, אָבער אַהער בין איך געקומען נאָך דער נאָדל.

דאָס מיידעלע ווערט ערנסט. כ׳האָב מורא אַז אסתּר רויזע האָט איבערגעכאַפּט די מאָס. בײַ אַ מלאך קאָן אויך פּלאַצן ס׳געדולד. אָבער דאָס מיידל זאָגט: אַלץ איז באַשערט. וואָס גאָט גיט, דאַרף מען נעמען פֿאַר ליב. אסתּר רויזע וויל אַליין צורוקן די שטול צו דער טיר, נאָר דאָס מיידל זאָגט: זײַט אײַך נישט מטריח. מיט אַ מאָל טוט די אסתּר רויזע אַ זאָג: וואַרט, כ׳וויל דיר עפּעס זאָגן. – וואָס ווילט איר זאָגן? פֿרעגט דאָס מיידל, און אסתּר רויזע זאָגט: טעכטערל, מזל-טובֿ. דאָס מיידל איז געוואָרן ווײַס ווי קרייד. וואָס מיינט איר? פֿרעגט זי און אסתּר רויזע ענטפֿערט: ועסט זײַן מײַן שנור. איך בין – זאָגט זי ווײַטער – ר׳לעמל וואַגמײַסטערס ווײַב פֿון הרוביעשויוו. כ׳בין געקומען דיך אָנקוקן, נישט קויפֿן קיין נאָדל. דעם בערישעס טאָכטער איז אַ ראָגזשע און דו ביסט זײַד. וועסט זײַן מײַן בענצעס ווײַב.

אַז דאָס מיידל האָט נישט אַוועקגעחלשט, איז אַ נס פֿון הימל. אַלע אין זאַמאָשטש האָבן געהערט פֿון ר'לעמל וואַגמײַסטער. זאַמאָסטש איז נישט לובלין. ס'קומען אַרײַן קונים. מ'דערוויסט זיך וואָס ס'איז געשען. אסתר רויזע נעמט אַרויס פֿון קײַבערל אַ בײַטשל בורשטין און זאָגט: דאָס איז פֿאַר דיר, חתימה-געלט. בויג אָן דעם קאָפּ. דאָס מיידל בויגט אָן אונטערטעניק דעם קאָפּ און זי טוט איר אָן ס'שנירל. ס'קומען צו לויפֿן דער מיידלס טאַטע-מאַמע. מ'קושט זיך, מ'האַלדזט זיך, מ'וויינט. עמעץ איז גלײַך אַוועק אָפּטראָגן די מעשׂה בערישעס מויד. אַז יענע האָט דערהערט וואָס ס'איז פֿאַרלאָפֿן, האָט זי געטאָן אַ זעץ אַרויס מיט אַ געוויין. געהייסן האָט זי איטע. די איטע האָט געהאַט אַ גרויסן נדן. זי'ט געשמט פֿאַר אַ פֿײַערדיקע סוחרטע. זעליג איזשביצער האָט קוים דורכגעשטופּט די פּרנסה.

מײַנע ליבע מענטשן, ס'איז געוואָרן אַ שידוך. זי, אסתּר רויזע, האָט געטראָגן די הויזן. וואָס זי'ט געטאָן, האָט לעמל צוגעשאָקלט. דער חתן אַליין האָט מען דעמאָלט נישט געפֿרעגט. מ'האָט געמאַכט תּנאים און באַלד דערנאָך אַ חתונה. דער זעליג איזשביציער האָט זיך נישט געקאָנט פֿאַרגינען צו מאַכן אַ רײַכע חתונה. קיין רעכטן נדן האָט ער אויך נישט געקאָנט מסלק זײַן, ווײַל ער האָט געהאַט נאָך צוויי טעכטער און צוויי בחורים וואָס האָבן געקנעלט אין בית-מדרש. אָבער ר'לעמל וואַגמײַסטער ברויך נישט קיין נדנים. כ'בין געווען אויף די תּנאים. כ'האָב געטאַנצט אויף דער חתונה. אסתּר רויזע האָט אויסגעקליידט ס'מיידל ווי אַ פּרינצעסין. זי איז געוואָרן טאָפּלט שיין, אַז ס'מזל שײַנט אויף זעט מען עס אויפֿן פּנים. ווער ס'האָט נישט געזען דאָס פּאָרל שטיין אונטער דער חופּה און טאַנצן ס'מצווה-טענצל, דער ווייסט נישט וואָס נחת איז. ס'איז געוואָרן צווישן זיי אַ לעבן ווי צווישן טײַבעלעך. באַלד צום יאָר האָט זי אים געבוירן אַ ייִנגל.

ווען די איטע האָט זיך דערוווּסט אַז אסתּר רויזע איז געקומען זי אויספּרווון, האָט דאָס זי אָנגעהויבן קרענקען. זי האָט טאָג און נאַכט נאָר גערעדט דערפֿון. זי'ט אויפֿגעהערט שטיין אין געוועלב. גאַנצע נעכט איז זי געלעגן און געוויינט. די שדכנים האָבן גענומען לויפֿן צו איר מיט די שידוכים, אָבער ערשטנס, האָט זי מער קיינעם נישט געוואָלט. אַחוץ דעם האָט זי געקראָגן אַ נאָמען פֿון אַ מרשעת. מענטשן מאַכן פֿון אַ קווינט אַ קוואַרט. מ'האָט אָנגעהויבן אויסטראַכטן אַלערליי שמאָנצעס, ס'איז אויסגעקומען אַז די איטע האָט אָנגעזידלט אסתּר רויזען ווי די לעצטע, איר

אָנגעשפּיגן אין פּנים, אַפילו געשלאָגן. בעריש איז געווען אַן אָנגעשטאָפּטער נגיד און אין די קליינע שטעט פֿאַרגינט מען נישט יענעם ס'שטיקל ברויט. איצט האָבן די שׂונאים געהאַט נקמה. די טאָכטער איז געווען די גאַנצע סוחרטע און אָן איר איז פֿון מסחר געוואָרן אַש. נאָך אַ צײַט איז איטע געוואָרן אַ כּלה פֿון לובלין. יענער איז גאָר געווען אַ גרוש. ער איז געקומען קיין הרוביעשויוו און איבערגענומען דעם שווערס געוועלב, נאָר ער האָט אַזוי געטויגט צו מסחר ווי איך קאָן זײַן אַ כּלי-זמר.

אַזוי איז שוין די טבֿע. אַז ס'מזל דינט, דינט עס, און ס'הערט אויף דינען, נעמט אַלץ גיין קאַפּויער. די מוטער האָט זיך אַזוי גענומען צום האַרץ, אַז זי איז געוואָרן קראַנק אויף די גאַל-שטיינער, אָדער אפֿשר איז עס געווען די געלזוכט. ס'פּנים איז איר געוואָרן געל ווי זאַפֿערן. די איטע האָט מער נישט אַרײַנגעשטעלט קיין פֿוס אין קראָם, געוואָרן אַ שטוב-זיצערין. מ'האָט גערעכנט, אַז ווען זי וועט פֿאַרגיין אין טראָגן און האָבן אַ קינד, וועט זי פֿאַרגעסן, אָבער זי'ט צוויי מאָל מפּיל געווען. זי איז עפּעס געוואָרן ווי צערודערט אויך. זי'ט גענומען שילטן די פֿריידע-גיטלען – אַזוי האָט געהייסן בענצעס ווײַב – און רעדן אַז יענע האָט דאָס אַלץ אָנגעשטעלט. ווער ווייסט וואָס ס'קען אַלץ אײַנפֿאַלן אַ משוגענעם קאָפּ? זי האָט אויך געזאָגט אַז פֿריידע-גיטל וועט שטאַרבן און זי, איטע, וועט פֿאַרנומען איר אָרט. אַז זי איז צום דריטן מאָל פֿאַרגאַנגען אין טראָגן, האָט דער פֿאָטער זי גענומען צו אַ גוטן ייִד. כ'האָב פֿאַרגעסן צו זאָגן: די מאַמע האָט שוין נישט געלעבט. דער רבֿ האָט איר געגעבן קמיעס, נאָר זי'ט ווײַטער געמפּילט. זי'ט אָנגעהויבן זיך דאָקטאָרן און זיך אײַנרעדן אַלערליי נישט-געשטויגענע שלאַפֿקייטן.

איצט הערט אַ מעשׂה. איין מאָל איז די איטע געזעסן בײַ זיך אין שטוב און גענייט. דער פֿאָדעם האָט זיך געהאַט אויסגעלאָזט און זי'ט געדאַרפֿט אײַנפֿעדעמען פֿון ס'נײַ. אין צווישן האָט זי אַרײַנגעשטעקט די נאָדל צווישן די ליפּן. מיט אַ נאָדל האָט זי דערשפּירט אַ שטאָך און די נאָדל איז ערגעץ אַהינגעקומען. זי'ט זי געזוכט, נאָר ווי זאָגט מען עס: גיי געפֿין אַ נאָדל אין אַ וואָגן היי. מײַנע ליבע מענטשן, די איטע האָט זיך גענומען אײַנרעדן אַז זי'ט די נאָדל אַראָפּגעשלונגען. ס'האָט איר געשטאָכן אין בויך, אין דער ברוסט, אין די לונגען, אין די פֿיס. מענטשן זאָגן אַז אַ נאָדל וואַנדערט. זי איז אַוועק צום רופֿא, אָבער וואָס ווייסט אַ רופֿא? זי איז געפֿאָרן קיין לובלין און אַפֿילו קיין וואַרשע. איין

דאָקטאָר האָט געזאָגט אַזוי, אַ צווייטער דאָקטאָר אַנדערש. מ׳האָט איר אויסגעפּאָמפּעט דעם מאָגן, נאָר מ׳האָט נישט געפֿונען קיין נאָדל. באַהיט זאָל מען ווערן. איטע איז געלעגן גאַנצע נעכט און געשריגן אַז ס׳שטעכט זי. אין שטאָט איז געוואָרן אַ גערייד. טייל האָבן געזאָגט אַז זי האָט אייגנס אַראָפּגעשלונגען אַ נאָדל זיך אַ מעשׂה אָנצוטאָן. אַנדערע האָבן געטענהט אַז ס׳איז אַ שטראָף. אָבער פֿאַר וואָס איז איר געקומען צו שטראָפֿן? זי איז שוין געהאַט איריקע איבערגעקומען זי איז אַוועקגעלאָפֿן קיין ווין צו אַ גרויסן דאָקטאָר און יענער איז געפֿאַלן אויף אַן המצאה. ער האָט איר איַינגעגעבן שלאָפֿגעטראַנק און איר געמאַכט אַ שניט אין בויך. ווען זי׳ט זיך אויפֿגעכאַפּט, האָט ער איר געוויזן די נאָדל וואָס ער האָט כלומרשט אַרויסגענומען פֿון אירע געדערים. כ׳בין נישט געווען דערביַי. אפֿשר האָט ער טאַקע געפֿונען די נאָדל אויף אַן אמת. ווען זי איז צוריקגעקומען פֿון ווין, איז זי געוואָרן צוריק די אַמאָליקע איטע. פֿון געוועלב איז געהאַט געוואָרן אַ תּל. דער פֿאָטער איז שוין געווען אויף דער אמתער וועלט. אָבער זי׳ט געעפֿנט אַ ניַי געוועלב. כ׳האָב איַיך פֿאַרגעסן צו זאָגן: נאָך דער מעשׂה מיט אסתּר רויזעס קומען קיין זאַמאָשטש, זענען אַלע סוחרטעס אין דער גאַנצער געגנט געוואָרן אויסטערליש איידל, נישט בלויז צו פֿרעמדע, נאָר אפֿילו צו שטאָטישע. מ׳האָט שוין נישט געוווּסט צי דער קונה וויל קויפֿן, אָדער אויספּרוּוון. כּלה-מיידלעך האָבן געקויפֿט ביַים פֿאַקנטרעגער בריוונשטעלערס, ווו ס׳איז באַשריבן ווי צו זיַין העפֿלעך. אַז אַ ייִדענע איז געקומען קויפֿן אַ קנויל באַוול, האָט מען איר צוגעטראָגן אַ שטול.

אין דעם ניַיעם געוועלב האָט די איטע ווידער געהאַט הצלחה, אָבער קיין קינדער האָט זי נישט געהאַט. כ׳ווייס נישט וואָס ס׳איז געוואָרן דער סוף, וויַיל כ׳בין אַוועק פֿון יענע קאַנטן. אין דער גרויסער שטאָט פֿאַרגעסט מען אַלץ, אפֿילו אין גאָט. דער לעמל וואַגמיַיסטער און אסתּר רויזע זענען שוין לאַנג נישט קיין היגע. פֿאַר בענצן און זיַין וויַיב האָב איך שוין לאַנג נישט געהערט. יאָ, אַ נאָדל. צוליב אַן אַקס פֿון אַ וואָגן איז חרובֿ געוואָרן ביתר, און צוליב אַ נאָדל איז קאַליע געוואָרן אַ שידוך. דער אמת איז, אַז אַלץ איז באַשערט. מ׳קאָן זיך ליבן טויזנט מאָל, נאָר אויב ס׳איז נישט קיין זיווג, לאָזט זיך אויס אַ בוידעם. מ׳גייט אַרום זיבן יאָר, מיט אַ נאָדל רוקט זיך אונטער אַ פֿרעמדער און מ׳לויפֿט מיט אים צו דער חופּה. כ׳ווייס פֿון אַ מעשׂה ווי אַ בחור האָט חתונה געהאַט מיט דער כּלהס חבֿרטע אויף צעפּיקעניש און יענע האָט

אויף צעפּיקעניש זיך אַרײַנגעוואָרפֿן אין ברונעם. דערציילן? ס׳איז שוין שפּעט. ווען איך זאָל ווען אויסדערציילן אַלע מעשׂיות וואָס איך ווייס, וואָלט איך געדאַרפֿט זיצן מיט אײַך זיבן טעג און זיבן נעכט...

Copyright © 2007 Leonard Prager
All Rights Reserved